„Radomer - Kielcer Leben" 25 (365) „Należytość [illegible] uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטן.

Radom, dnia 26 Czerwca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג, י״א תמוז תרצ״א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

**אַנאָנסען - פּרייזן:**

אין מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
" " אין טעקסט 4 "


## בעקאַנטמאַכונג.

## די באַנק „אורזיאַלאָווע"
## אין שידלאָוויעץ

מאַכט דערמיט בעקאַנט, אַז די באַנק איז רעאָרגאַניזירט געוואָרען און ס'איז געוועהלט געוואָרען אַ נייע פערוואַלטונג, וועלכע באַשטעהט פון פאָלגענדע פּערזאָנען: **נטע אייזענבערג** (לעדער - אינדוסטריעלער) **ישראל וואַרשאַווסקי** (מיהל - אייגענטימער) און **שלמה נייבערג** (שאַכטעל און גילזען - פאַבריקאַנט).

די נייע געוועהלטע פערוואַלטונג גיבט די גאַראַנטיע פאַר דער רעעלקייט, פּונקטליכקייט און סאָלידקייט פון דער באַנק, וועלכע פערדינט אויך - אַרום דעם פולשטענדיגען צוטרוי פון בענק און פון די ברייטסטע סוחרישע קרייזען.

די פערוואַלטונג.


Koleżance naszej PESI oraz RODZINIE
wyrazy szczerego współczucia z powodu śmierci

## Jej OJCA

wyrażają
koledzy *Jurek Baum, Heniek Goldstein, Nachman Berneman.*

מזל טוב

## חבר משה רובינשטיין מיט אייער פרוי

צו דער חתונה פון אייער זוהן **לייבעל**

וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 20-טען יוני ד. י.
אין אַמעריקאַ (מילטאַן).

מיר ווינשען אייך, אַז איהר מיט אייער פרוי
זאָלט פון זיי פיעל נחת דערלעבען.

| | |
|---|---|
| יוסף פּאָטאַזשניק | צלאל גיסער |
| אברהם אביש גוטמאַן | יצחק שניידער |
| אליעזר קירשענבלאַט | מענדיל טשעכאַנאָווסקי |
| פישל טענענבוים | פסח גאָלדשטיין |
| מענדעל פרידמאַן | חיים קאָרמאַן |
| אברהם קיילער | יעקב וואַסערמאַן |
| ישראל יצחק גאָלדפאַרב | מרדכי חיים ווייצמאַן |
| יוסל פרידמאַן | יצחק קירשענבוים |
| שלמה פישמאַן | נחום טייכמאַן |
| משה וואַרשאַווער | זינדעל ראָזשיצקי |
| מרדכי שפּילפויגעל | ישראל זיידמאַן |
| משה גאָלדמאַן | יעקב פיינטוך |
| רפאל בראָדוואַן | מיכאל האַנדעלסמאַן |
| יצחק וואָלאַנאָווסקי | |

חברה אהבת-חברים אין ראַדאָם. 26/6–31.

Wychowawczyni naszej p. IDZIE LANDAU
z powodu śmierci OJCA Jej
B. P.

## I. M. LANDAUA

szczere współczucia wyraża
Kl. III-ia Szk. Dokszt. Zaw. Gm. Wyzn. Żyd.

Koleżance naszej p. IDZIE LANDAU
z powodu śmierci
B. P. **Jej OJCA**

Składamy wyrazy najgłębszego współczucia

Kierownictwo i Personel
Szkoły Doksz. Zaw. w Radomiu
Gm. Wyzn. Żyd.

האט די אקציע דורכצופֿאַלען נישט זעהענדיג פאַר זיך קיין מעגליכקייטען אזא זאך צו רעאַליזירען. ס'איז שוין געווען ביי איהר כמעט א רעזיגנאַציע-בעשלוס. אין לעצטען מאָמענט איז פאָרגעקומען א ענדערונג און דאָס איז געשעהן אונטער'ן דרוק פון פיעל קראַנקע, וואָס דערוויסענדיג זיך פון אזא בעשלוס זענען זיי געקומען אין „עזרה" און ממש זיך געבעטען רחמים אז מ'זאָל נישט איבעררייסען מיט דער יאָהר-יעהרליכער חזקה און עפּעס שוהן פאַר זיי, בכדי זיי צו ערמעגליכען דאָס פאָהרען קיין בוסק אין די בעדער.

צווישען די, וואָס האָבען זיך גע-מאָלדען זענען דאַ היינט אזעלכע, וואָס פאָראַיאָהרען האָבען זיי אליין געשפענ-דעט אויף אַט דער אקציע.

די טרויעריגע לאַגע פון די קראַנקע האָט ריהרענדיג געווירקט אויף די „עזרה"-פאָרשטעהער און איבערהויפּט אויפ'ן פּרעזעס איתמר אדלער, וועלכער האָט דעם פריהערדיגען בעשלוס צוריק-געצויגען און ס'איז אָנגענומען געוואָ-רען די בוסק-אקציע דורכצופֿיהרען ביי אַלע גרעסטע בעמיהונגען און אָנ-שטרענגונגען.

פּרעזעס אדלער איז שוין די טעג אַרויסגעפאָהרען קיין בוסק דינגען א ווילע.

איהם עלטערע קינדער צו היטען, האָט ער זיך געלאָזט נאָכ'ן צוויישען וועלכער האָט אַנטלויפענדיג אויסגע-שטאָפּען אין זיך און זיך ענדליך אונ-טערגעגעבען.

דער ערשטער האָט דערוויל זיך געוואָלט בעפרייען פון די קינדער'ס שמירה, אָבער יענע האָבען איהם אָני-דערגעלעגט און איהם גיט מקיים פסק געווען.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אז ביידע באַנדיטען שטאַמען פון ראַ-דאָם. זיי הייסען טאַדעאוש באַנטשעק יוזעף מאַיעווסקי.

ביידע זיצען אין חד-גדיא.

---

GARBATKA
PENSJONAT
L. Rozenbergowej
DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.

Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.

**Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.**
Przez miesiące MJ, CZERWIEC pokoje dla dorosłych.
Ceny przystępne.

---

# אבּקלאַנגען פון די געשעהענישען אין ראדאם.

איינע פון א רייהע פאָרשטעהענדע פּראָצעסען אין צוזאַמענהאַנג מיט די טרויריגע געשעהענישען אין ראַדאָם, איז שוין געקומען פאַר'ן געריכט'ס-טיש.

די טעג איז פאַר'ן היגען פּאָוויאַטאָ-ווען געריכט בעטראַכט געוואָרען א פּראָצעס געגען 11 פּערזאָהן, וועלכע האָבען אַרויסגערופען די גאַסען-אוואַנ-טורעס אין די טעג פון 13–14–15 ה. ח.

געגען די דריי בעשולדיגטע: לוציאַן מינערסקי, מאַריאַן בזשעזשינסקי און מאַריאַן שימאַנסקי האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגען אַנ'אורטייל, וועלכער פערמשפּ'ט די ערשטע צוויי אויף דריי טעג אַרעסט און דעם לעצטען אויף 8 טעג אַרעסט.

אונטער דער זעלבער בעשולדיגונג פאַלען אַרונטער נאָך עטליכע פּערזאָהן געגען וועלכע ס'איז אויך פּערפיהרט געוואָרען א פּראָצעס.

דער פּראָצעס געגען האַנצבערג, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אז ער זאָל האָבען אָנגעפאַלען א פּוילישען שילטער אייפ'ן מעטש צווישען ר. ק. ס. מיט בר-כוכבא—וועט פאָרקומען אין קרייז-געריכט.

---

— די —
שענסטע
טאַפּעטען
צו זעהר ביליגע פּרייזען
קען מען נור בעקומען
אין דער לאַנג-יעהריגער פירמע
ש. שטיינמאַן
ראַדאם, לובלינער 21.

# אויפרוף פון פּ. פּ. ס. געגען די עקצעסען.

די היגע פּ. פּ. ס. האָט אַרויסגע-לאָזט אַנ'אויפרוף, אין וועלכען זי טאַדעלט אמשאַרפסטען די אַנטי-יודישע-עקסצעסען. פּ. פּ. ס. ווענדעט זיך אין אויפרוף צו די אַרבייטער-מאַסען אין ראַדאָם נישט צונעמען קיין אַנטייל אין אַזעלכע אויסבּרוכען, נאָר פערקערט זיי זאָלען העלפען מאָמענטאַל ליקווי-דירען אזעלכע געשעהענישען אין פאַל ווען אזעלכע זאָלען זיך קאָנען אי-בער'חזר'ען.

---

געזעלשאַפט „הכנסת אורחים" ברדום, וואַהל 5.

# א ו י פ ר ו ף.

מיר האָבען דעם כבוד זיך צו ווענדען צו די גאַנצע ראַדאָמער יודישע בעפעלקערונג מיט פאָלגענדען אויפרוף:

ווי עס איז אייך בעקאַנט, איז אין די לעצטע צייט פאָרגעקומען גרוי-סע אונאָרדנונגען אין די געזעלשאַפט „הכנסת אורחים" אזוי, אז כמעט אַלע מיטגלידער האָבען אויפגעהערט צו צאָהלען דעם חודש-אָבצאָהל וואָס ס'האָט געדראָהט א געפאַהר, אז די געזעלשאַפט „הכנסת אורחים" זאָל ח"ו אינגאַנצען ליקווידירט ווערען, נאָר א דאַנק אייניגע עסקנים איז גערופען געוואָרען א אַלגעמיינע פערזאַמלונג זונטאג פּ' נשא א' אין בית המדרש הגדול דפּה מיט דער בעטייליגונג פון א גרויסען עולם אַחן ע"ח אין עס איז געוועהלט געוואָרען א קאָמיטעט פון אַנגעזעהענסטע בע"ב פון אונזער שטאָדט. דער קאָמיטעט ווענדעט זיך צו אַלע מיטגלידער. אז יעדער זאָל צאָהלען דעם חודש-אָבצאָהל, ווי אויך די חובות פון פריהער. אויך יעדער זאָל זיך פערשרייבען אַלס מיטגליד כפי יכלתו און אויפנעמען דעם אינ-קאָסענט בסבר פּנים יפות וכל המרחם על הבריות וכו' ובזכות זה נזכה לגאולה שלמה בב"א

ברגשי כבוד

דער קאָמיטעט פון „הכנסת אורחים" אין ראַדאָם

1. מענדיל גאָלדשטיין—פּרעזעס, 2. שמואל בוימגאַרט—וו. פּרעזעס 3. מענדיל ראָזענבוים—גאַספּאָד., יצחק בוים—קאַסירער, 5. פּנחס זילבערשטיין, 6. יצחק שיינבוים, 7. ברוך רייכמאַן, 8. יחיאל ראָזענצווייג, 9. יעקב משה חאַנאָווער, 10. יודעל טייטעלבוים. 11. פּנחס פּרענקעל.

בעמערקונג: 1. יעדעס קוויטעל פון אינקאַסענט דאַרף זיך געפינען די אונטערשריפט פון פּ' מ. גאָלדשטיין און ג' מ. ראָזענבוים. לויט'ן בעשלוס פון קאָמיטעט דאַרפט דער אָרימאַן, וואָס קומט נעכטיגען נישט געבען קיין אָפּצאָהל.

# געכאַפּט ראַדאַמער באַנדיטען.

אין וואַווער איז די טעג אויסגע-פיהרט געוואָרען א באַנדיטען-אָנפאַל אויף א שפּיין-געוועלב. אויף שלים-מזל האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען און דער קרעמער סטאַניסלאַוו זאַוואַדסקי נישט בעמערקענדיג, אז איינער פון די באַנדיטען האַלט א רעוואָלווער האָט געמעכט א געוואַלד און ס'איז באַלד אָנגעקומען דער פּאָליציי פּשאָ-דאַוניק, וועלכער איז גראַד געווען אין א שכנות'דיגע וואָהנונג. די באַנדי-טען האָבען גענומען מאַכען פיס און דער פּאָליציאַנט נאָך זיי. איינעם האָט ער באַלד געכאַפּט און איבערגעבענדיג

# קעלצער אבטיילונג.

## די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלקס באנק

זונטאג איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער פאלקסבאנק. די פערזאמלונג איז געווען זעהר א שטורמישע. די סקאנדאליעזע ארויסטרעטונגען פון איינע מיטגלידער האבען פעראורזאכט, אז די דיסקוסיע זאל זיך פערשלעפען ביז 3 בייטאכט. צוליב דער שפעטער שעה איז דער המשך פון דער פערזאמלונג אבגעלייגט געווארען ביז מארגען זונטאג.

## פון מכבי.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער ביז איצטיגער וויצע-פרעזעס פון „מכבי" ה' דוד פרישמאן זיך אבגעזאגט פון זיין אמט.

די ס·בה דערפון זאלען זיין די פערזענליכע אטאקעס, וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן מצד איינע מיטגלידער.

מיר גלויבען, אז די פערוואלטונג פון „מכבי" וועט אננעמען מיטלען, אז ה' פרישמאן, וועלכער האט גרויסע פערדינסטען פאר „מכבי" זאל זיין דימיסיע צוריקציהען.

## פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

פאריגען זונטאג איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער קעלצער ציוניסטישער ארגאניזאציע. נאך די בעריכטען און דיסקוסיעס איז אויסגעוועהלט געווארען א נייער קאמיטעט.

## „בית החיים".

אונטער דעם דאזיגען נאמען איז ערשינען א אינטערעסאנטע ספר, וואס ענטהאלט די אויפשריפטען פון אלע מצבות אויפ'ן קעלצער בית·החיים. אין ספר איז אויך פערהאן די ביאגראפיעס פון אלע רביים און רבנים.

W. PROSZOWSKI
FELCZER
KIELCE, ul. St. Warszawska 37
powrócił.

וואס ליגען אין קעלץ.

דער מחבר, דער בעקאנטער קעלצער ארויסגעבער פון ספרים, ר' משה מענדעל וואלרען האט געווידמעט פיעל צייט און ארבייט דעם דערמאנטען חיבור, וואס האט א געוויסע היסטארישע בעדייטונג פאר'ן יודישען קעלץ.

## געפונען א אוצר.

אין דארף גורני האט דער פויער יאן וואלא, גראבענדיג א ברונע, געפונען א טאפ מיט גאלדענע אלטע מטבעות. עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דער ווערט פון די מטבעות בעטרעפט 10 טויזענד זלאטעס. די דאזיגע סומע האט וואלא בעקומען אויסגעצאהלט פון מלוכה'שען מוזעאום וואס האט געקויפט דעם אוצר.

## אויסבעסערונג.

אין דער קארעספאנדענץ, וואס איז געדרוקט אין „ראדאמער-קעלצער לעבען" נומ. 23 פון 12.6 ה. י. איז נישט אנגעגעבען געווארען, אז אין דער דעלעגאציע האט אנטייל גענומען דער דירעקטאר פון דער האנדווערקער-קאמער אין קעלץ ה' ג. אקסענטאוויטש.

ה' אקסענטאוויטש האט גרויסע פערדיענסטען פאר זיין ארבייט פאר די בעקער און האט אויך פיעל געלייסטעט, אז די דעלעגאציע זאל האבען דעם געהעריגען צוזאג פון ה' וואיעוואדא.




## צו אונזערע לעזער אין קעלץ.

היינטיגען זונטאג קומט אונזער אינקאסענט קיין קעלץ. מיר בעטען אונזערע ג. אבאנענטען און אנאנסען-געבער צו רעגולירען זייערע חובות.

מיר בעטען און פאדערען פון די יעניגע אבאנענטען, וואס זענען שולדיג פאר א גרעסערע צאהל מאנאטען, ווי אויך די אנאנסען-געבער, וואס זענען שולדיג שוין א לענגערע צייט פאר אנאנסען און זיי פטר'ען אב דעם אינקאסענט פון איין מאנאט אויפ'ן צווייטען — אז זיי זאלען ענדליך בעצאהלען וואס קומט ביי זיי. און זאלען זיי אונז נישט צווינגען מיר זאלען פערעפענטליכען זייערע נעמען אין א בעזונדערע אויפפאדערונג.

אדמיניסטראציע
„ראדאמער-קעלצער לעבען"
אין ראדאם.

כוס תנחומים למשפחת זנגר בראדום
למות עליהם **אביהם**
יוסף פרלוב ורעיתו ובנם שלמה.

## „דאנקבארקייט"...

די טרויעריגע דאנקבארקייט פון די מאסע צו דעם פיהרער, צו איהר פערזארגער.

עס איז א אינטערעסאנט, בעלעהרענד פראבלעם, וואס איז שטענדיג ניי און ברענגט אלעמאל צו נישט היימליכע געדאנקען.

וויפיעל מאל האט שוין די געשיכטע עס בעוויזען. צעהנדליגער פאקטען דערצעהלען וועגען דער בלינדקייט, וועגען דער עם·הארצ'ישער אריענטאציע פון דער מאסע, וואס היינט דערהויבט זי דעם פיהרער צו דער העכסטער מדרגה פון גרויסקייט און מארגען, ווערענדיג בעאיינפלוסט פון א ראפיניריטער אינטריגע, שלײדערט זי איהם אראב אין די טיעפענישען פון אהנמאכט און שפייט אויף איהם.

ווייל די מאסע איז בלינד, נישט בערעכענט, לייכטזיניג און נאריש-קליינליך. איהר מאמענטענווייז שטארקער ענטוזיאזם אדער בעגייסטערונג, פון וועלכען מיר ווערען אזוי נתפעל, איז נישט מעהר ווי א שטרוי-פלאם, וואס האט נישט קיין לאנגען קיום. איהרע מיינונגען זענען נישט קיין ריכטיגע. איהרע דעות זענען פאלשע און ענטהאלטען נישט קיין פינק לאגיק און עהרליכקייט. א קעגען וואס זיך עסן אקעגען דעם, א קעגען יענעם... איבעריגענס: איהר'ט אייך שוין אליין אנשטויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

ארבייט אב א מענש כל ימיו פאר טובת הכלל. גיעט אוועק זיין בעסטער צייט, געזונד און כח פאר די אינטערעסען פון קאלעקטיוו. און אזא מענש איז דאך א פעהיגער אויף אלע געביעטען, און דאך פערנאכלעסיגט ער זיינע אייגענע אינטערעסען און ווידמעט בעסער די ענערגיע און ווילען פאר דער געזעלשאפט. טהוט גרויסע און קליינע לייסטונגען, וועלכע ער פעררעכענט מיט פערגעניגען אויף דער וואגשאל פון זיינע פערדיענסטען, גלויבענדיג דערביי אז ער האט ערפילט א ערהאבענע זאך פאר וועלכע דער כלל ברויך איהם דאנקבאר זיין און ביים סוף.

ביים סוף צובייזערט זיך די מאסע און עס איז גענוג אז א קרום ווארט זאל זיך דערהערען און דער עסקן וואס ווארט מיט אונגעדולד אויף, פערדיענטע, דאנק ווערטער דערהערט בלוצלינג זידלערייען. מען שפייט איהם אין פנים. עס ווערט איהם פארגעווארפען דאס ערגסטע אויף וואס עס וואלט קיינמאל נישט געטאפט.

עס איז דער טראגישסטער מאמענט אין לעבען פון דעם פיהרער פון דעם געזעלשאפטליכען עסקן, פון דעם בעלטובה. פאר איהם, וועלכער האט מיט עהרליכקייט געדיענט דעם כלל, וועלכער האט אלץ אנגעשטרענגט אבי נאך עפעס א מצוה ארייגצוכאפען, פאר איהם איז עס א טראגישער רעטעניש אהן א לעזונג. הייסט עס, אז די אלע מעשים טובים, די אלע מצוות — האבען ביי דער מאסע איין נאמען:

— שווינדעל!

און עס העלפען נישט קיין פעסטע ארגומענטען. עס גילטען נישט דאן קיין זיכערע איבערצייגונגען. דער הייליגסטער אני·מאמין ווערט דאן אבגע'חיזק'ט אין פראפאנירט. ווען די מאסע איז אונטער'ן איינפלוס פון חזיצער'ס. שפעטער וועט אפשר קומען א ענדערונג, א בעזינונג, אבער איצט, בעת'ן „שטרויען-פלאם" גראבעלט זי סאדיסטיש אין יענעמ'ס הייליגקייט, אין יענעמ'ס וואונד:

— שווינדעל!... שווינדעל!...

ברררר!...

ל. ראדאל

# אײדער הױבסט אן צו בױען

אָדער דורכפיהרען א רעמאָנט אין דײן הױז, מאַך א בעזוך אין אונזער טאַרטאַק, וואו דו וועסט זיך איבערצײגען וועגען דער ביליגקײט פון אונ־זערע האָלץ ־ מאַטעריאַלען און דו וועסט בלײבען אונזער קליענט

מיר ערפילען קרעדיט

## RADOMSKI TARTAK

sp. z ogr. odp.

**RADOM, ul. Młodzianowska**, tel. 454

נעבען דער רעגירונג'ס־פאַבריק פון געוועהר.

די ביליגסטע האלץ־מאטעריאלען

אויף קרעדיט־בעדינגונגען.

**מיר שטעלען צו און פערקויפען** אויף אַנגרא (אײנצעל) אויף די צוגענגליכסטע פרײזען אלע האָלץ־מאטעריאלען, וואָס ווערען בענוצט צו בוי־צוועקען, ווי סטאָליארסקע מאטעריאל, שטאכעטען, זײטען־ברעטער צו פארקאנעס און אָבפאַל פון צעשניטענעם האָלץ.

מיר נעמען אָן קלאָטץ־האָלץ אויף איבערצוזעגען.

אָפערטען שיקען מיר ארויס אויף יעדער פאָדערונג.

קײן אײגענע כקלאדעס אין שטאָדט בעזיצען מיר נישט.

מיט בעשטעלונגען בעט מען זיך צו ווענדען דירעקט אין טאַרטאַק.

Z intencji zaślubin kuzynki mojej

Edzi Langierówny z p. Joskiem Goldwaserem

życzę wiele szczęścia i harmonji dusz

M. WAJSFUS.

צו דער האָכצײט פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער

סאָלע פרידלאנד מיט ה' חיים אײזענבוים

וואונשען מיר זײ, אז זײער נײ לעבען

זאָל זײן אַ קוואַל פון עוויגעס גליק און צופרידענהײט.

יוסף פרידלאנד עט פרוי און קינדער




**אַ פראַקטישע ווירטין**

קען דעם ווערד פון גיטען זײף און שאַצט עס געהעריג אָב בענוצענדיג צו וואַשען נור דעם בעקאנטען פון צענדליגער יאָהרען לײכטען און רײ־נעם זײף יעלען הירש.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס

די אין טרויער פערבליבענע **פאמיליע זאנגער**

אוליב'ן פריהצײטיגען טויט פון זײער ליעבען און אײדעלען

# מאַן און פאָטער נ י ס ן ז"ל

דאנציגער מאַרעק עט פרוי.

# Gazownia Miejska

*Sprzedaje po cenach przystępnych:*

**Kuchenki** gazowe jedno i dwupłomienne
**Kuchnie** familijne i hotelowe
**Piecyki** kąpielowe
**Piecyki** kuchenne do pieczenia
**Żelazka** do prasowania—domowe i krawieckie
**Podgrzewacze** do rurek fryzjerskich
**„Terma"** automatyczne podgrzewacze do wody dla pp. lekarzy dentystów, fryzjerów itp. zawodów.

Wszystkie aparaty gazowe sprzedaje się na dogodnych warunkach.

**Gazownia wykonuje instalacje domowe płatne w 12 ratach.**

Aparaty gazowe obejrzeć można w składnicy Gazowni na Młodzianowie od godziny 10—14.

Wszelkie informacje udziela biuro Gazowni telefon 134.




# RZEŹNIA MIEJSKA

sprzedaje

# Lód sztuczny

po CENIE: 4 gr. za kilogram loco Rzeźnia Miejska
6 gr. „ z dostawą do domu

Zamówienia na lód uprasza się zgłaszać w godzinach urzędowych do biura Rzeźni osobiście lub telefonicznie

Telefon Nr. 562.

# ענגליש

איבערזעצונגען פון ענגליש
ענגלישע און פוילישע האנדעלס־קארעספאָנדענץ

ערשטקלאסיג — מײסטערהאפט

ראָדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 14, וו. 2

אין די שעהן 7—9 פריה אין אָוועט.

# א ספר־תורה קײן גארבאטקע

העלפעס מנין עס נױטיגט זיך שטאַרק אין אַ ספר־תורה קען דאס בעקומען בײם מורה הוראה פערקיל

ראדאם, רינעק 6 (7)

**Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 Szczepienie ospy.**

Redaktor Ch. M Herc
Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Sawarlikowska 20